# צווישן מצבות

אויף גרוזן, צווישן מצבות
געקומען בין איך זוכן זיך רו
אויפהערן גלויבן און האָפן
פאַרגעסן פאַרגייענדע שעה.

פון קיינעם נישט טראַכטן, נישט קלערן
אפילו פון זיך נישט אַליין
ליגן זיך רואיק און שווייגן
ווי איך וואָלט גאָר קיינמאָל געווען.

און ווי וויעס פאַרשליסן די אויגן
ווען רואיקער שלאָף קומט צו גיין
פאַרשליסן זאָל האַרץ מיינע ווייען
זאָלן זיי אין חלום פאַרגיין.

און בלעטער די גרינע פון צווייגן
און גרוזן די דינע פון ערד
זאָלן אויסזינגען עכאָ פון שווייגן
מעלאָדיעס פון מידע באַגערט.

טוט פּלוצלינג אַ מענטש זיך פאַרביי גיין
און זעט ווי איך ליג אויף די גראָז
וואַרפט ער אַ בליק אַזאַ שטרענגן
און פרעגט מיר וואָס ליג איך פאַרוואָס.

— „גאָרנישט, אַזוי זיך געקומען
כ'האָב נישט צו גיין אַנדערש־ווו
מיין נישט, אַז איך בין געשטאָרבן
געקומען בלויז זוכן זיך רו".

גייט אוועק ווייטער דער פרעמדער
לאָזט מיך צוריק ליגן אַליין
הער איך פון ווייטנס אַ קללה:
„מיר וואָלט נישט געאַרט, וואָלסט
געווען".

האָבן די שעלטנדע ווערטער
די רו, די פאַרלאַנגטע צעשטערט
ס'בויערט אַ פּיין זיך אין האַרצן
און שאַרפער און טיפער זי ווערט.

גלוסט מיך להכעיס דעם שעלטער
לאַכן מיט פריידיקן קול
נאָר קערפּער אַ מידער בלייבט ליגן
און ווערטער זיי פאַלן פון מיין מויל:

„נישט שעלט מיר דו מענטשל,
דו פרעמדער
צו וואָס זיך דען געבן די מי?
פאַר שטאַרבן און ליגן זיך רואיק
האָב איך נישט קיין מורא סיי־ווי..."

יאָסל